Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּרץ

Mosḳṿe, 1943

פניפ נגעוו עדאלאב

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library



## באלאדע וועגנ פינפ

### 1

אינ די געבערג שווינדלט א טאָפּאָל נאָכ א טאָפּאָל,
פּונקט ווי אינ איבערלויפ פּארטײַעט אומבאמערקט.
זיי וועלנ אָנקומענ צו נאכט קיינ סעוואסטאָפּאָל
מיט א יעדיִע פונ דעמ פרילינג אינ די בערג.

א יעדעס גראָז, א יעדע ווײַנטרויבדיקע לאָזע,
א יעדער ווינט, א יעדע כוואליע פונעמ יאמ
שווערנ דעמ סוינע אינ דער שטאָט ארײַנ ניט לאָזנ,
דעמ וועג אימ אויסבעטנ מיט פײַער אונ מיט פלאמ.

א יעדע סטעזשקע אינ א נעצ וועט זיכ פארוואנדלענ,
א יעדער וועג — זיכ ווי אנ אָפּגרונט א צעכראסט.
— איז עפּעס הייליקער פונ פאָלקס-צאָרנ פאראנ דענ?
— איז עפּעס שטארקערס נאָכ פאראנענ דענ פונ האס?

זיי שנײַדנ דורכ פונ דער באלאגערונג די קלעמער:
קיינ צאמ פאר פרילינג איז אינערגעצ ניט פאראנ.
דער פײַנט פארפירט פונ די קאָלווירטנ האָט די לעמער,
ער דעקט זיכ צו מיט זיי באמ פײַערדיקנ ראנד

אפּ צו באפאלנ מיט אנ אָנגריפ מיט א נײַעמ
די סעוואסטאָפּאָלער ניט-צוטריטלעכע שוועל.
ווּ א באשטאנ, האָט ער צעאקערט שוינ מיט בלײַ אימ,
מיט שארבנס קינדערשע — פארזייעט ווּ א פעלד.

מיט טאנקענ-טשערעדעס ער רײַסט זיכ איצט פארשטאָפּנ
די הויכע בארג-נעסטנ פונ אָדלערדיקער פראכט;

געקומענ זײַנענ זיי צו נאכט קיינ סעוואסטאָפּאָל
אונ די יעדיִע אימ די גרויזאמע געבראכט.

זיכ אויסגעצויגנ אימ אנטקעגנ ווי די סטרונעס
אונ אויסגערוישט אימ — פונ די צווײַגנ ביזנ שטאמ:
— שעפּט דענ דאָס פּרוכפּערדיקע ליכט זיכ פונ דער זונ אויס?
— די טיפנ טריקענענ דענ אויסעט אינ דעמ יאמ?

איבער דער שטאָט האָבנ זיכ סרייפעס ווי שטנרקאצנ
געטוקט אינ רוימ מיט אופּרײַס אונ מיט קנאל.
אונ נאָכ ווי קיינמאָל ניט געבליט האָט די אקאציע,
אונ נאָכ ווי קיינמאָל האָט דער צוויט אירער געשטראלט.

2

די בערג מיט טוי זײַנענ פרימאָרגעדיק באטראָפּנט,
פארכאלעשט טרויערנ די טאָלנ — טיל אונ טעל —
— באפעל די וויִנטנ זיי דערפרישנ, סעוואסטאָפּאָל,
אונ דײַנע טאָפּאָלס זיכ באוואָפּענענ — באפעל!

פארזאָרגטע בייגנ צו דער ערד זיכ שטיל די גערטנער
ווי מיט געבעט — אז זיי פארהיטנ זאָל די ערד
פונ די פארלענדנדיקע שטורעמס אומגעהערטע
אונ פונ דער פײַערדיק-פארניכטנדיקער שווערד.

מיט רויכ מיט ביטערנ פארצויגנ איז דער הימל,
די וואָלקנס יאָגנ זיכ אונ לויפנ ערגעצ אײַנ:
— ווו בלאָנדזשענ אומ ערגעצ די טשערעדעס די קרימער?
— וווּהינ פארטריבנ פונ די בערג האָט זיי דער פײַנט?

צומ דריטנ מאָל ער לאָזט זיכ שטורעמענ די פעסטונג,
צומ דריטנ מאָל די באטאליאָנענ דאָרט ער לאָזט —
אונ בא די בארג-היילנ פארבלײַבנ זיי אפ קעסט דאָרט,
ניט קיינ פארדעקטע פונ דער ערד אונ פונ קיינ גראָז.

דער הארבסט געלאָזט האָט אימ אינ וועלקונג זיכ פארהילנ,
מיט פרעסט דער ווינטער האָט אינ שנייענ אימ פארוויגט,
אונ שטראָמענ בארגיקע, צעגאָסענע אינ פרילינג,
האָבנ פונ היילנ אימ ארויסגעשווענקט צוריק...

נאָר דרײַ מאָל טויט אינ קרימער בערג איז ניט גענוג אימ.
ער גייט ארומ שוינ איבער אייגענעמ געבערג

צונויפגעוועלבטע און פארשטיינערטע הארוגים,
אונטערגעשניטן פון שווארציאמיקן געווער,

און קוקט זיך אויס פון דאָרט א וועג קיין סעוואסטאָפּאָל,
מיט פאנצערס שטאָלענע זיך טאָן אהין א שפאר.
טאבונעס טאנקען יעדער ווייל ווערן פארטאָפּלט,
און יעדע ווײַלע ווערט פארטאָפּלט די געפאר.

נאָר אף דער וואך איז די שווארציאמיקע פּעכאָטע,
און יעדער בוים און יעדער שטיין איז אף דער וואך.
דעם פײַנט פארהאלטן און ניט לאָזן אים קיין טראָט טאָן
האָט די מאטראָסן שטיל באפעלט דער קאָמיסאר.

3

איבער דער שטאָט שפרייטן זיך רייכעס פון אקאציע,
א יעדער שטיין געלײַטערט איז און העל.
פינעף מאטראָסן ווי די טאָפּאָלס האָבן גראָד זיך
געמאָלדן שטיל צום קאָמיסאר אפן באפעל.

אנטקעגן פײַנט האָבן זיי ערגעץ ניט געאַנקערט.
עס ווייסט דער יאם וועגן באגעגנישן א סאך.
דעם וועג פארשטעלן פאר די גרײַפנדיקע טאנקען
דעם קאָוועד אָנטרויען זאָל זיי דער קאָמיסאר.

אויב עס וועט נייטיק זײַן דאָס לעבן — איז דאָס לעבן!
ניט זײַן געשענדט וועט דער שווארציאמיקער בושלאט. —
איבער די בערג ארומגעקראָכן איז א נעבל,
דער יאם געבלעטערט האָט א בלאט דאָרט נאָך א בלאט,

ווי ער וואָלט אופגעמישט די צײַטשריפט פון געשלעגן,
וווּ די מאטראָסן די שווארציאמיקע מיט רום
האָבן באדעקט זײַנע ניט-צוטריטלעכע ברעגן
און זײַן אומברעגיקײַט אף ווײַטן — אומעטום.

נאָך ניט געשטילט האָבן פון כוואליעס זיך די פליעסקען,
עס טראָגט דער רויש זיך נאָך מיט שטורעם און מיט ווינט
פון איינס אף איינס מיט סוינעס שווימענדיקע פעסטונגען,
וואָס אף די גרונטן זיך געלייגט האָבן געשווינד.

געפּאַכט דער יאַם צו זיי פונוויַיטן האָט מיט זעגלען,
גלייַך ווי מיט שמעטערלינגען-פליגל, פון זייַן שויס.
ניט לאַנג זיי האָבן מיט זייַן בלויקייַט זיך געזעגנט,
ניט לאַנג געזעגנט זיך זיי האָבן מיט זייַן ברויז,

און ווי געליבטע זיי געבראַכט אַף דער יאַבאָשע
און אַף קיין אויגנבליק מיט זיי זיך ניט געשיידט.
איז זאָל פאַרכּרויט זייַן אויך דער פרוּוו זיי אָט אָ דאָ שוין —
דעם פייַנט באַגעגענען אין שלאַכט זיי זייַנען גרייט.

און שטיל געדריקט האָט זיי די הענט דער קאָמיסאַר דאָרט,
און שטיל געווינטשט דער קאָסיסאַר האָט זיי דערפּאָלג.
באַגלייט דער יאַם האָט זיי מיט צאָרנדיקער צאַרטקייַט,
באַגלייט מיט ליבע און מיט שטאָלץ האָט זיי דאָס פאָלק.

4

אַ טראָג פון יאַם האָט זיך אַ מעוועדיקע טשאַטע
געטאָן אין דר׳הייך און זיך פאַרגאַנגען אַף דער וואַך.
און פינף מאַטראָסן האָבן אָנגעטאָן גראַנאַטן,
און פינף מאַטראָסן זיך געגרייט האָבן אין שלאַכט.

ווי אַף אַ הוידלקע זיך וויגנדיק אַנטקעגן
מיט פליגל זילבערנע זיי פאָכען צו דעם ברעג.
און פינף מאַטראָסן זיך מיט פרייַנט האָבן געזעגנט,
און פינף מאַטראָסן זייַנען אייַלנדיק אַוועק.

נאָך לאַנג געקרייַזט האָבן די מעוועס דאָרט צוקאָפּנס,
נאָך לאַנג די פליגל אַף דער זון האָבן געשייַנט.
און פינף מאַטראָסן זייַנען אופגאַנ אַף אַ סאָפּקע
און זיך פאַרלייגט אַף צו באַגעגענען דעם פייַנט.

דורך נעפּל ברויזנדיק געקוקט אַף זיי דער יאַם האָט,
און אַזאַ קלאָרקייַט איז געגאַנ פון זיי אין רוים:
— שטעלט קעגן שטורעם זיך דער וואַ׳ד דען נאָר צוזאַמען?
— שלאָגט זיך באַזונדער דען ניט יעדער איינער בוים,

אַז גאָר דער וואַלד פון דר׳ערד ניט אויסגעפּלאַנצט זאָל ווערן
און שטום פאַרבראָכן זיך ניט וואַלגערן זאָל ער?
און פינף מאַטראָסן — זאַלבעפינפט ווי איינער — שווערן
די זוניק-פרילינגדיקע פאָטערלעכע בערג,

די דופטיק-גאָלדענע, די ווייַנטרויבדיקע גערטנער,
די פרישע שטראָמענ, וואָס באהויכנ זיי מיט טוי,
די שטאָלטנע טאָפּאָליעס די אומעטיק-פארקלערטע:
מיט לייַב אונ לעבנ ניט אדורכלאָזנ דעם טויט,

וואָס קריכט ארום ווי די געפאנצערט-בלאָנדע אומפלייט
אפ דער געהייליקטער, דער פּאָטערלעכער ערד,
אונ פונ די בערג א הויב טאָנ בליצנדיק אונ רומפול
אפ דוריי-דוירעס די שווארציאמיק-שטאָלצע שווערד.

דער טשאטיר-דאג פונ זיכ געשטויסנ האָט דעם דעמער,
געריסנ וואָלקנס אפ איר לייַב האָט די יאילא.
אונ פינפ מאטראָסנ — זיכ א ריס פונ צווישנ קלעמער,
אונ ס׳האָט א שפאר געטאָנ א שלאקס-האָגל פונ פלאם.

5

שטייט סעוואסטאָפּאָל, א באלאגערטער, אינ פייַער,
געווענדט צו ווייַטנ צו די יאמישע פּאָרויס;
א יעדער שטיינ לייגט זיכ צופוסנס אימ צושטייַער,
א יעדער בוימ פאר אימ די צווייַגנ שטרעקט דאָרט אויס.

זיי דעקנ צו מיט פוכ מיט גרינעם זייַנע וווּנדנ,
אונ ווינטלעכ יאמישע דאָרט לינדערנ זייַנ וויי, —
ער שטייט — א דורזיכטיקע וויזיע פונ וווּנדער,
אינ שלאכט-לעגענדעס פונ פארצייַטנס נאָכ פארוויית.

דעמ וואָי פונ שפארבערס ניט ער הערט אונ ניט ער שפירט דאָרט,
פונ די רויִנעג שטייט ניט צו צו אימ דער ברוכ.
עס דוכט — ער שווימט איבער די כוואליעס פונ געשיכטע,
אונ ס׳איז דער גורל פאר אימ אָפנ ווי א בוכ.

אונ א געלייַטערטער ער לייִנט אינ יעדנ שאָס אימ,
די ווייַטנ וויקלענ זיכ — אי פּייַעדדיק, אי העל.
ער זעט די זיידעס פונ די העלדישע מאטראָסנ,
וואָס שלאָגנ איצטער מיטנ פייַנט זיכ בא זייַנ שוועל

ניט מיט די צאָלנ פונ די פאנצערס אינ געלאָקער,
נאָר מיט דער קראפט פונ טרייַשאפט, הארטער ווי גראניט;
אונ ס׳זייַנענ אָנגעפילט די טאָפּאָליעס ווי לאָגלענ,
אונ ס׳שוימיקט אויס פונ די אקאציעס זיכ דער צוויט.

איבער זײַנ קאָפּ טראָגנ די שפּאַרבערס אומ מיט בלײַ זיכ
מיט אזא פֿײַערדיק-פאַרלענדנדיקנ פּאָכ.
זײ רײַסנ שטיקער פונ די אויסגעצערטע הײַזער
אונ ברעכנ ביימער. נאָר ער הערט אימ ניט, דעמ בראָכ.

ער הערט די שוועע פונ מאטראָסנ. אָנגעלאָדנ
א יעדער שאָס, ווי א געבאָט, קומט צו אימ אָנ:
— קײנ טראָט ניט אָפּטרעטנ צוריק ביז לעצטנ אָטעמ!
— זיכ שלאָגנ גרויזאמ ביז דעמ אײנציקנ פּאטראָנ!

אונ פונ דעמ פרילינג אזא פרײדיקער געװיר איז.
אינ זײַנע פּראכטנ ברענט אדורכ זיכ יעדער צאמ.
ס'װעלנ די בערג עס פארגעדענקענ פאר די דוירעס,
אונ אינ העקזאמעטערס װעט זינגענ עס דער יאמ.

6

דעמ דריטנ טאָג האלטנ מאטראָסנ שוינ די סאָפּקע,
דעמ דריטנ טאָג רײַסט ניט פאנאנדער זיכ די שלאכט.
צו סעוואסטאָפּאָל איז דער צוטריט א פארשטאָפּטער,
דער וועג דעמ פײַנט צו סעוואסטאָפּאָל איז פארשפּארט.

דעמ דריטנ טאָג האלטנ מאטראָסנ אײַנ די סאָפּקע.
ווי שווארצע כוואליעס קריכנ טאנקענ אפּ זײ אָנ;
א יעדער שאָס עפּנט פאנאנדער זײ אנ אָפּגרונט,
ווו נאָר א קלעטער זײ באווײַזנ ערגעץ טאָנ.

צומ אָנהייב — זיבנ. ס'יאָגנ אָנ זײ דאָרטנ אכצנ.
דער ערשטער קײַעט מיט די צײנ-קאסטנס א בוימ;
דעמ קוילנווארפער צוגעדריקט צומ סאמע הארצנ,
באשפּריצט מיט פלאמ אימ א מאטראָס ווי פונ בראנדסבאָיט.

ער שטעלט זיכ אָפּ אונטער א שירמ פונ רויכ אונ פײַער
אפּ א געלענק מיט אזא גרילצנדיקנ שלוכצ.
אינ א קאָלאָנע ער ארויסגאנ איז אײַנדרײַענ.
דעמ לאנגנ וועג האָט א מאטראָס געמאכט אימ קורצ,

מיט ערשטנ שאָס באוויזנ גלײַכ אימ דעמ ארָאָפּגאנג.
א צווייטער ראנגלט זיכ מיט קריכנדיקע דרײַ.
נאָר אײנ מאטראָס ליגט ווי א בוימ שוינ אפּ דער סאָפּקע
מיט א שינעל איבערגעדעקט געטרײַ.

ווי שווארצע בופלאקסן צערייצט זיך לאָזן נײַע,
קאַפּויר זיי שטעלן זיך, פאַרכלינעטע אין בלײַ,
מאַטראָסן זעען ניט אין וויכער פון דעם פײַער
דאָס בלוט, וואָס שלענגלט זיך ווי ליענטעס אפן לײַב.

די ליפּן — איבערגעבערענט, דאָרשטיק און צעטראַסקעט.
אין אויגן — צאָרן, ווי אין שטורעם-ווינט דער יאַם;
מע שטילט דעם דאָרשט זיך פון די אויסגעוועלבטע קאַסקעס
און פון דעם אופגעפליגלט-שײַטערדיקן פלאַם.

אָט א סנאַריאַד רײַסט אויס א פּוס איינעם מיטאַמאָל,
נאָר פון געווער רײַסט אים ניט קיינער אָפּ אין שלאַכט.
עס האָט דער קוילנוואַרפער אָפּגעשטעלט זיך דעמאָלט,
ווען אָפּגעשטעלט באַם ריז האָט זיך דאָס האַרץ.

7

דורך די בושלאַטן טריפן בלוטיק-הייסע טראָפּן,
די לײַבלעך, צוגעקלעפּט צום לײַב, אַדורכגעברענט;
צום לעצטן מאָל א קוק געטאָן אַפּ סעוואַסטאָפּאָל,
צום לעצטן מאָל געדריקט זיך ברידערלעך די הענט.

קיין קוילן האָט שוין קיינער מער געהאַט דאָרט,
דער האַלדז באַם קוילנוואַרפער דאָרשטיק האָט געצאַנקט.
איז אַפּ די רימענס אופגעהאַנגען די גראַנאַטן
און זיך געלאָזט דאָרט — א מאַטראָס קעגן א טאַנק.

אַרום דער סאָפּקע א בעסאַלמענע איז געלעגן
פון שטאָל צעקריפּלטן — דאָס איינגעווייד אַרויס...
און אינדערשטיל האָבן מאַטראָסן זיך געזעגנט,
און שטאָלץ דער ערשטער האָט א גיי געטאָן פאָרויס.

און זיך א וואָרף אונטערן טאַנק מיט די גראַנאַטן,
ווי פון א פּאַלוב זיך אין יאַם געטאָן א לאָז.
ס'זאָל, היימלאַנד, נאָך א מאָל דאָס לעבן טאָן א פּלאַטער,
וואָלט עס געשענקט דיר דער שווארציאַמיקער מאַטראָס.

דעם וועג אים אָפּגעטראָטן פאַכעד האָט און איימע,
געקושט די טריט זײַנע פון באַרג האָט יעדער שטיין.
אים די קאָמאַנדע דאָרט געגעבן האָט דאָס היימלאַנד,
און מיט דעם טויט האָט ער קאָמאַנדעוועט אליין.

נאָך אים — דער צווייטער האָט א שלײַדער זיך געגעבן,
און, א געפּלאַצטער, זיך געטאָן פאר אים א הויב —
די בערג זיך ווארגן שוין מיט פֿײַערדיקן נעבל,
די בערג — דערציטערט פונעם אופרײַס און פארטויבט.

און שוין דער לעצטער. ער געזעען האָט, ווי אלע
האָבן אפ אומקום זיך געוואָרפן קעגן טויט.
פאר זייער לעבן סאליוטירט האָבן די קנאלן
און אין די ווײַטן ווי צאוואָעס זיך פארטרויט.

און ווי א דונער, מיט גראנאטן רונד באהאנגען,
האָט ער א קוש געטאָן די אויסגעפלאָגטע ערד.
— זאָלן אפ לײַבער זיך פאנאנדערײַסן טאנקען
און מיט די ביינער זיך דערווארגן, ווי מיט שווערד.

8

געטרײַע בערג! פארקריצט עס פלאמיק אפ די הייכן!
און זאָל עס לויכטן אין דעם אומענדלעכן רוים, —
זאָל עס די צוקונפט און די קינדס-קינדער דערגרייכן,
זאָל עס צעטראָגן יעדער שטיין און יעדער בוים.

פארזשאווערט גליווערן די טאנקען מיט די ציילעמס,
און די געבליבענע — צוריק זײַנען אוועק;
א יעדן דורכלויפיקן ווינטל זיי דערציילן
פון זייער בראָך בא סעוואסטאָפּאָל אפן וועג.

ס'שטייט סעוואסטאָפּאָל ווי א דורכויכטיקע וויזיע,
געגורט מיט שלאַכטיקע לעגענדעס און באוואכט,
און בא דער טאָפּקע — די שווארציאמעדיקע ריזן
רוען געארעמט מיט דעם היימלאנד נאָך דער שלאכט.

און א ניט-צוטריטלעכקײַט שוועבט דאָרט א געהיימע.
ווי א מאטראָסקע זעט די סאָפּקע אויס אין זאמד.
עס היט די רו זייערע זאָרגעוודיק דאָס היימלאנד.
ס'פארויגט פונווײַטן מיט א וויג-ליד זיי דער יאם.

אויך טויטערהייט וועלן דעם סוינע זיי ניט לאָזן,
גלײַך ווי די זיידעס פון פארצײַטנס, פון אמאָל.
זיי האָבן אויסגעפילט די שוווע ווי מאטראָסן,
זיי האָבן אויסגעפילט די שוווע פאר דעם פאָלק.

עס גייען שטיל פארבײַ א טאָפּאָל נאָך א טאָפּאָל
פּונקט ווי אין איבערלויף — פארטײַעט, אומבאמערקט;
זיי קומען זילבערנע אַרײַן קיין סעוואסטאָפּאָל
מיט א יעדיִע פון דעם פרילינג אין די בערג.

זיי שנײַדן דורך פון דער באלאגערונג די ראנדן —
ניטאָ אינערגעץ פאר דעם פרילינג איז קיין צאם,
— איז עפּעס הייליקער פון פאָלקס-צאָרן פאראן דען?
— איז עפּעס שטארקער נאָך פון ליבע דען פאראן?

דער סוינע רײַסט זיך — אי צופוסנס, אי צוקאָפּנס.
עס קרייצט זיך דורך פון בארג צו בארג די שיסערײַ —
נאָר מיטן לײַב ז׳פארשטעלט דער וועג קיין סעוואסטאָפּאָל,
ס׳וועט סעוואסטאָפּאָל — ווי דער יאם — זײַן פרײַ!

